THE JACOB RADER MARCUS CENTER OF THE
AMERICAN JEWISH ARCHIVES

**MS-763: Rabbi Herbert A. Friedman Collection, 1930-2004.**
Series D: Education and Rabbinic Career, 1930-1993.
Subseries 3: Rabbinic Career, 1943-1993.

| Box | Folder |
|---|---|
| 9 | 7 |

World Memorial of Jewish Martyrs. 1953.

For more information on this collection, please see the finding aid on the American Jewish Archives website.

3101 Clifton Ave, Cincinnati, Ohio 45220
513.487.3000
AmericanJewishArchives.org

# World Memorial of Jewish Martyr, Inc.

1834 BROADWAY NEW YORK 23, N. Y. CIrcle 6-0658 - 9

*American Sponsorship of:*
Dr. Isaac Alcalay
Jacob Blaustein, President, American Jewish Committee
David Dubinsky, President, I.L.G.W.U.
Professor Albert Einstein
Dr. Nahum Goldmann, President, World Jewish Congress; Chairman, American Section of the Jewish Agency
Dr. Israel Goldstein, President, American Jewish Congress
S. Ralph Lazrus
Rabbi Irving Miller, President, Zionist Organization of America
Hon. Herbert H. Lehman
Zalman Schneour
Louis Segal
Rabbi Abba Hillel Silver
Edward M. M. Warburg, General Chairman, United Jewish Appeal

*American Committee:*
Hon. Emanuel Celler
Marcel Franco
Maximilian Friede
Dr. Manfred George
Adolph Held, President, Jewish Labor Committee
Alexander Kahn
Isidor Lifschutz
Andre Meyer
Win Nathanson
Edward Norman
Boris Pregel
Harry Rogoff
Louis H. Sobel
Dr. I. S. Wechsler
Morris Weinberg

*Executive Committee:*
Solomon Dingol, Chairman
Nahum Chanin, Co-Chairman
Dr. Lazar Fogelman, Treasurer
Leon Crystal, General Secretary
Aron Alperin
Leon Chalette
Rabbi Judah G. Heller
Arnold K. Israeli
Jacob Pat
Vladimir Racine
Dr. Ignaz Schwarzbart
Dr. Joseph Tennenbaum
Dr. Leon Wulman

Herman Imber, Director

*Under World Sponsorship of:*
Vincent Auriol, President of the French Republic

Chaim Weizmann, President of Israel

H.M. Queen Elizabeth of Belgium
H.R.H. Princess Wilhelmina of Holland
H.R.H. Prince Jean, Heir to the Grand Duchy of Luxembourg
Eleanor Roosevelt
David Ben-Gurion, Prime Minister of Israel
Winston Churchill, Prime Minister of Great Britain
Erik Eriksen, Prime Minister of Denmark
Tage Erlander, Prime Minister of Sweden
Jean Van Houtte, Prime Minister of Belgium
Rene Mayer, Former Prime Minister of the French Republic
Joseph Sprinzak, Chairman of the Israeli Knesset
Isaac Schneersohn, President of the Centre of Documentation for Contemporary Historical Records, Paris

דעצעמבער 4, 1953

כב׳ הרב הערבערט פרידמאן
3431 נ. ל״ק דר.
מילוואָקי, וויסק.

חשובער רבאי:

14 יאָהר אין רוסלאַנד בין איך געווען א שטאָאט רבינער, און שוין אריבער 30 יאָהר אז איך געפינען זיך אין פראנקרייך, און בין א פרעזידענט פון א גרויסע אינדוסטריעלע אָרגאניזאציע אין פאריז.

נישט קוקענדיג אויף מיינע יאָהרן,– איך בין זיך מקרב צו ווערן א בן שבעים – און אוועקלייגנדיג מיינע געשעפטן, בין איך געקומען קיין אמעריקע וועגן אונזער מעמאָריאַל, וועגן וועלכן די ביגלעגטע בראָשורן וועלן אייך געבן אן אידעע פון דער גרויסקייט און וויכטיגקייט פון פראָיעקט. מסתמא האָט איהר שוין וועגן דעם געליענט אין די צייטונגען, און מסתמא ליענט איהר אויך מיינע זכרונות וואָס דרוקן זיך שוין מעהר ווי צוויי יאָהר יעדן זונטאָג אין טאָג.

די נסיעה איז פאר מיר געווען זעהר א שווערע און אָנשטרענגענדע, אי געשעפטליך אי פאר מיין געזונט, און דאָס גיט מיר קוראַזש אייך בעטן מיר צו העלפן אין מיין מיסיע, וואָס איך טוה זי ניט נור על מנת שלא לקבל פרס, נור ס׳קאָסט נאָך מיר אליין א סך געלט.

אין קליוולאנד האָט זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון אונזער קאָמיטעט רבאי דר. הלל סילווער, און אלע רבנים זענען צוגעשטאנען און געשאפן א שיינעם קאָמיטעט פון אָנגעזעהענע פערזענליכקייטן און רבנים, און די רעזולטאטן זענען זעהר גוט.

מיטוואָך, דעם 9–טן דעצ., אי״ה, וועל איך קומען אין מילוואָקי, און בּ׳וואָלט געבעטן מיר העלפן, מיט אייער אויטאָריטעט, אז מ׳זאָל צוזאמען מיט אנדערע רבנים און געזעלשאפטליכע טוער צונויפרופן א מיטינג פון א 15–20 מענשן. עס האנדעלט זיך איצט אין דעם אז איך זאָל פאָרלעגן פאר איינעגע וויכטיגע פערזענליכקייטן, און אָרגאניזאציעס, די וויכטיגקייט פון אונזער פראָיעקט, און שאפן א גרופּע וואָס וועלן זעהן אז אידן זאָלן פארשרייבן זייערע אומגעקומענע אין ספר הקדושים.

איך האָף אויף אייער הילף, און איך דאנק אייך פאָראויס.

כתבתי גם כן לרבי [illegible] ולרבי [illegible]

מיט גרוס און דרך ארץ,

שלמה [illegible]

יצחק שניאורסאָן
פרעז. וועלט קאָמיטעט

*"Six Million Dead, and Not a Single Grave"*

# באר
# א
# קבר
# פון
# אומבאקאנטן
# יידישן
# מארטירער

זעקס מיליאָן אומגעקומענע און קיין איינציקער קבר...




# אין פאריז

...אָבער אינגיכן

וועלן אונזערע מאַרטירער,

די אומשולדיקע קרבנות

פון היטלעריסטישן שגעון,

האָבן זייער קבר.

ער וועט אויפגעשטעלט ווערן אין פאַריז,

דעם גייסטיקן צענטער פון דער וועלט —

אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ.



**די פרעזידענט פון דער פראַנצויזישער רעפובליק טיילט אונז מיט דעם 26־טן יולי 1951 :**

דער פרעזידענט פון דער רעפובליק, זייער פילבאַר אויף אייער ווענדונג, בעט מיך אייך צו אינפאָרמירן, אַז ער איז זייער גערן מסכים אַוועקצושטעלן דעם קאָמיטעט אונטער זיין הויכן פּאַטראָנאַזש.



**חיים ווייצמאַן, פרעזידענט פון מדינת־ישראל שרייבט אונז דעם 25־טן יוני :**

איך דאַנק אייך פאַר דעם כבוד, וועלכן איר האָט מיר צוגעטיילט, בעטנדיק מיין פּאַטראָנאַזש צום פּראָיעקט פון אויפשטעלן אין פּאַריז אַ „קבר פון אומבאַקאַנטן יידישן מארטירער". איך באַגריס פולשטענדיק די וויכטיקייט פון דעם דאָזיקן פּראָיעקט און פון זיין סימבאָלישער באַדייטונג און קום דעריבער גרייטוויליק אַנטקעגן אייער בקשה.



**פרוי עלינאָר רוזוועלט שרייבט אונז דעם 17־טן אויגוסט :**

איך וועל זיין זייער גליקלעך צו זיין אַ מיטגליד פון אייער קאָמיטעט. איך האַלט, אַז די אידיי מצד אַ דאָקומענטאַציע־צענטער פאַר היינטצייטיקער יידישער געשיכטע, אויפצושטעלן אין פּאַריז אַ „קבר פון אומבאַקאַנטן יידישן מארטירער", איז אַ שיינער און ווירדיקער פּראָיעקט, וועלכער וועט אונז דערמאָנען, וואָס עס קען געשען, ווען די מענטשן בלייבן גלייכגילטיק צו דער לאַגע פון זייערע מיטברידער.



**דוד בן־גוריון, פרעמיער־מיניסטער פון ישראל, שרייבט אונז דעם 30־טן אויגוסט :**

איך בין טיף אונטערן איינדרוק פון דער וויכטיקער אַרבעט, וועלכע ווערט אַדורכגעפירט מצד דעם היינטצייטיקן יידישן דאָקומענטאַציע־צענטער און פון דעם פּראָיעקט אויפצושטעלן אין פּאַריז אַ „קבר פון אומבאַקאַנטן יידישן מארטירער" אין דער פאָרם פון אַ פּאַנטעאָן־מוזיי. און מיט גרייטקייט נעם איך אָן דעם כבוד, מיט וועלכן איר באַערט מיך, פאַרלייגנדיק מיר צוצוטיילן מיין פּאַטראָנאַזש דעם דאָזיקן מעמאָריאַל.

אַז אַזאַ קבר פון דעם אומבאַקאַנטן יידישן מארטירער זאָל אויפגעשטעלט ווערן אין פראַנקרייך, אונטער אייער הויכער שוץ און אויטאָריטעט, און אַז די עמינענטסטע פראַנצויזישע פערזענלעכקייטן זאָלן מסכים זיין זיך מיטצובאַטייליקן אין דער פאַרווירקלעכונג פון אָט דעם נאָבעלן פּראָיעקט, באַווייזט אַן איבעריק מאָל, אַז דאָס פראַנצויזישע פאָלק בלייבט שטענדיק טריי זיין שענסטער טראַדיציע און זעצט פאָר זיין עקשנותדיקן קאַמף קעגן יעדער אומגערעכטיקייט און ראַסן־האַס.



**דער סעקרעטאַריאַט פון ה' ווינסטאָן טשערטשיל, פרעמיער־מיניסטער פון ענגלאַנד, טיילט אונז מיט דעם 4־טן אָקטאָבער :**

ה' טשערטשיל בעט מיך אייך צו דאַנקען פאַר אייער בריוו פון 12־טן סעפּטעמבער, אין וועלכן ער באַקענט זיך, מיט גרויס אינטערעס, מיט דעם פּראָיעקט אויפצושטעלן אַ יידישן נאַציאָנאַלן מעמאָריאַל. ער האַלט עס פאַר אַ כבוד אָנצונעמען אייער איינלאַדונג וועגן צוטיילן זיין פּאַטראָנאַזש דעם מעמאָריאַל־קאָמיטעט פאַר דעם „קבר פון אומבאַקאַנטן יידישן מארטירער".



**דעם 30־טן אויגוסט 1951, שרייבט אונז רענע מאַיער, איצט פרעזידענט פון מיניסטאָרן־ראַט :**

איך קום גערנוויליק נאָך אייער ווונטש און בין פילבאַר אויף דעם כבוד זיך צו פאַרשרייבן צווישן די הויכע פערזענלעכקייטן, וועלכע שטיצן אונטער אייער פּראָיעקט. איך באַשטעטיק אייך מיין באַשלוס צו ווערן אַ מיטגליד אינעם פּאַטראָנאַזש־קאָמיטעט, וועלכן איר האָט געשאַפן.



**ד"ר נחום גאָלדמאַן, פרעזידענט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס און פון דער יידישער אַגענץ, שרייבט אונז דעם 5־טן אָקטאָבער 1951, פון ניו־יאָרק :**

איך האָב זיך באַקענט מיט גרויס אינטערעס מיט אייער פּראָיעקט אויפצושטעלן אַ קבר פון אומבאַקאַנטן יידישן מארטירער און איך שאַץ פולקאָם אָפּ די וויכטיקייט פון אָט דעם פּראָיעקט, וועלכער פאַרדינט אַלעמענס אונטערשטיצונג. איך האַלט עס פאַר אַ פּריווילעגיע אָנצונעמען אייער איינלאַדונג וועגן אָנשליסן זיך אין אייער קאָמיטעט.

N'OUBLIE JAMAIS!

AU COMITE POUR L'ERECTION DU

**TOMBEAU DU MARTYR JUIF INCONNU**

10, RUE MARBEUF, PARIS (8e)

## SOUSCRIPTION

Je soussigné (Nom et Prénoms) ....................................................

Adresse ....................................................

souscris pour l'érection du TOMBEAU DU MARTYR JUIF INCONNU la somme

de Frs ....................................................

Ci-joint chèque, mandat-poste.
Je vire au Compte de Chèques Postaux :
Comité pour l'érection du T.M.J.I.
Paris 8462-60 (1)

.......................... le .......................... 195....

Signature :

(1) Rayer la mention inutile.

## LE LIVRE DU SOUVENIR

Je vous prie d'inscrire dans le LIVRE DU SOUVENIR les noms des personnes suivantes :

| Nom et prénom | Ville d'origine et dernière adresse connue | Ghetto ou camp de mort (si connu) |
|---|---|---|
| | | |
| | | |
| | | |
| | | |
| | | |
| | | |

Signature ....................

Si le nombre des lignes ne suffit pas, prière d'ajouter une page de papier libre portant les indications complémentaires.

SOUVIENS-TOI!

AMERICAN JEWISH ARCHIVES

## אַזוי וועט אויסזען דער קבר
## פון אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער

אונטער דער לייטונג פון אַ פּערזענלעכקייט פון אומבאַשטרייטבאַרער קאָמפּעטענץ, רעגירונגס־ראַט זשאָרזש הואיסמאַן, ערן־גענעראַל־דירעקטאָר פון „באָז אַר" (קונסט־דעפּאַרטאַמענט פון בילדונגס־מיניסטעריום), האָט אַ גרופּע פּראָמינענטע אַרכיטעקטאָרן פאַרענדיקט דעם פאָר־פּראָיעקט פאַרן „קבר פון אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער".

די צוויי מאַקעטן־בילדער גיבן שוין אַ פאָרשטעלונג פון די מייעסטעטיש־שטרענגע קאָנטורן פון דעם פּראָיעקטירטן בנין.



אַלגעמיינער בליק



קריפּטע

## דער פּלאַץ פאַרן קבר פון אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער

דער דאָזיקער שטח געפינט זיך אין סאַמע האַרץ פון פּאַריז, אין אַ קוואַרטאַל, וואו יעדער שטיין איז אָנגעזאַפּט מיט היסטאָרישע זכרונות, וועלכע זענען באַזונדערס טייער סיי פאַר די יידן און סיי פאַר אַלע די, וואָס זענען געבליבן טריי דעם אידעאַל פון מענטשלעכער פרייהייט. דער דאָזיקער קוואַרטאַל איז פון תמיד אָן, אַזש פון די מיטלאַלטערלעכע צייטן — די אַרענע פון העלדישע פרייהייט־קאַמפן. דער פּאַריזער שטאָט־ראַט האָט געשטעלט דעם פּלאַץ אין אונזער רשות אויפצושטעלן דעם קבר פון אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער. די טיפע באַדייטונג פון אָט דעם דירנדן זשעסט וועט נאָך מער אונטערגעשטראָכן אַ דאַנק דעם צוגעפּאַסטן אויסוואַל פונם פּלאַץ, וועלכער אַנטשפּרעכט פולשטענדיק דעם גייסט פון פּראָיעקט פאַרן קבר פון אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער.

## דאָס לייגן דעם ערשטן גרונט־שטיין

שוין גאָר בקרוב, דעם 19־טן אַפּריל 1953, אין 10־טן יאָרטאָג פון דעם העלדישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ — וועט געפייערט ווערן דאָס לייגן פון דעם ערשטן שטיין פאַרן קבר פון אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער. די דאָזיקע פייערלעכע צערעמאָניע וועט צושטאַנד קומען אין דער אָנוועזנהייט פון די פראַנצויזישע רעגירונגס־פאָרטרעטער, פון רעליגיעזע און מיליטערישע פאָרשטייער, פון דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס, פון די פאָרשטייער פון יידישע קהילות, און באַדייטנדיקסטע יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פון דער גאַנצער וועלט.

## ד ע ר
## ספר־הקדושים

אונזערע מאַרטירער האָבן נישט קיין קבר. זייער אַש איז צעשפּרייט געוואָרן אויפן ווינט.

עס בלייבן אונז בלויז זייערע נעמען. ליגט אויף אונז דער הייליקער חוב זיי צו פאַראייביקן. זיי מוזן איינגעקריצט ווערן אין זכרון פון די קומענדיקע דורות, און זאָלן די דורך אַ נס ניצול־געוואָרענע יתומים קענען אָפּגעפינען די נעמען פון זייערע פאַרשוואונדענע עלטערן.

פון שטענדיק אָן, האָבן די יידישע קהילות געזאָרגט פאַר איינשרייבן אין ספר־הזכרונות די נעמען פון די אומגעקומענע אויף קידוש־השם, און צו דערמאָנען זיי אין די תפילות צו הזכרת־נשמות. דער הזכרה־ספר ביים קבר פון אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער איז אַ רינגעלע אין דער קייט פון דער יידישער טראַדיציע. אויף אייך ליגט דער חוב צוצושטעלן די נעמען, כדי זיי וזייט מעגלעך, צו קאָמפּלעטירן די רשימות.

דאָס איז אייער פליכט לגבי אייך אַליין און לגבי אייערע טייערע אומגעקומענע.

קיין שום פאַרנאַכלעסיקונג אין דערפילן די דאָזיקע פליכט איז נישט דערלאָזבאַר. דאָס פאָדערט נישט פון אייך קיין שום ספּעציעלע אָנשטרענגונג. עס גענוגט אויסצופילן דעם ביילעגטן פראַגע־בויגן און אונז אים צוריקצושיקן.

פאַר אונז האַנדלט זיך דאָ אין אַן אויספירלעכע און לאַנגדויערנדיקע אַרבעט, און דעריבער דאַרפט איר נישט פאַרזאַמען, נאָר אונז צושטעלן, ווי צום גיכסטן, די אַלע פּרטים, וועלכע איר האָט אין אייער באַזיץ.

טוט עס נאָך היינט !

אַזוי אַרום, וועלן די נעמען פון אונזערע קדושים פאַרבלייבן לעבעדיק אין זכרון פון יעדן איינציקן יידן.

# אַ פּ ע ל

דער אַ פּ ע ל לטובת דעם קבר פון אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער לאָזט זיך הערן אין אַ מאָמענט, ווען די דערינערונגען פון אונזערע מאַרטירער הויבן זיך אָן בהדרגהדיק צו פאַרווישן אין אונזער זכרון, און ווען געוויסע כוחות זענען פאַראינטערעסירט אונז צו מאַכן פאַרגעסן אונזער שוידערלעכע טראַגעדיע. צי ליגט דען נישט אויף אונז דער הייליקער חוב צו רעאַליזירן ביז צום סוף דאָס דאָזיקע ווערק פון פּיעטעט און וואַכזאַמקייט? דער גורל האָט אונז אָפּגעראַטעוועט, אינדערצייט וואָס אונזערע שוועסטער און ברידער האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן. און נישט אויף די קומענדיקע דורות ליגט אָט דער חוב, נאָר אויף אונז, די לעבעדיקע עדות פון זייער מאַרטירערשאַפט. אויף אונז ליגט אויך די אויפגאַבע אויפצושטעלן דעם מעמאָריאַל, וואָס זאָל דינען ווי אַ פּאַטעטישע וואָרענונג קעגן דעם פאַרברעכערישן ראַסיזם.

היינט טרעט אונזער פּראָיעקט אַריין אין דער פאַזע פון זיין רעאַליזירונג. עס איז צוגעטיילט געוואָרן אַ פּלאַץ מצד דעם פּאַריזער שטאָט־ראַט, עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ קאָנסטרוקציע־פּלאַן פונם בנין, און דאָס לייגן דעם ערשטן גרונט־שטיין וועט פאָרקומען גאָר אינגיכן, דעם 19־טן אַפּריל 1953, אין 10־טן יאָרטאָג פון העלדישן געטאָ־אויפשטאַנד.

אין אַ וועלט וואָס איז צעריסן פון האַס און פון טעראָר, אין אַ וועלט, וואו עס לעבן ווידער אויף דער נאַציזם און דער פאַשיזם — אין אָט אַזאַ וועלט, האָבן מענטשן מיט אַ גוטן ווילן זיך פאַרייניקט אין דער בשותפותדיקער אידיי אויפצושטעלן אַ מאָנומענט פון פּיעטעט און טרייסט.

די דאָזיקע מענטשן ווענדן זיך צו אייך, כדי אייך צו זאָגן:

מיר האָבן די אונטערשטיצונג און די סימפּאַטיע פון די באַרימטסטע מלוכה־פּרעזידענטן, רעגירונגס־שעפן, רעליגיעזע און וועלטלעכע עליטעס, יידישע און נישט־יידישע — פון דער גאַנצער וועלט.

מיר האָבן דעם פּלאַץ אויף צו בויען, און וואָס געפינט זיך אויפן פּאַסיקסטן אָרט — אַ ברייטהאַרציקע מתנה פון דער פּאַריזער מוניציפּאַליטעט

מיר האָבן אַ קאָנסטרוקציע־פּלאַן, וואָס גיט וואונדערבאַר איבער די אידיי, פון וועלכער אונזער פּראָיעקט איז אינספּירירט.

מען דאַרף זאָרגן, אַז די אַרבעטן זאָלן זיך גלייך אָנפאַנגען.

עס איז אָפּהענגיק בלויז פון אייך, אַז מיר זאָלן צוטרעטן צו דער רעאַליזירונג פונם פּראָיעקט, וועלכער — אין דעם זענען מיר זיכער — איז אייך זייער טייער.

העלפט אונז. שיקט אונז גלייך צו אייער, ווי מעגלעך. ברייטסטע באַשטייערונג!

## דערקלערונג

## צום פאָר־פּראָיעקט

דער דאָזיקער פאָר־פּראָיעקט איז אַזוי אַדורכגעשטודירט און אויסגעאַרבעט געוואָרן, אַז ער זאָל זיך קענען אַריינפּאַסן אין די ראַמען פון שטח, וואָס דער פּאַריזער שטאָט־ראַט האָט געשטעלט אין רשות פון קאָמיטעט.

ער נעמט אַריין די קריפּטע, וועלכע געפינט זיך אינעם אונטערשטן טייל אויף אַן אויבערפלאַך פון בערך 250 קוו.־מ. אַ חוץ דער קריפּטע געפינט זיך, אין אונטערשטן טייל, דער זאַל, וואָס איז באַשטימט פאַרן הזכרה־ספר — דעם „ספר הקדושים”.

די קריפּטע שטייגט אַרויס איבער דער ערד אויף אַ הויך פון אומגעפער 2 מ. 50. דער דאָזיקער אַרויסשטייגנדיקער טייל וועט אַרומגענומען ווערן מיט אַן עגול.

דער הינטערגרונט בילדעט אַ גרויסע וואַנט פון בערך 13 מ. 50 די הויך, וואָס דערמאָנט אין דער בית־המקדש־וואַנט פון שלמה המלכ׳ס צייטן, און גלייכצייטיק, אין די טרויעריקע ווענט, וואָס האָבן אַרומגעצוימט די געטאָס, וואו די היטלעריסטישע באַרבאַרן האָבן — אין דער אָקופּאַציע־צייט — פאַרטריבן די יידישע קרבנות.

ביים העכסטן שפּיץ פון דער וואַנט וועט זיך געפינען אַן אַנטשפּרעכנדיקע דערמאָנונגס־אויפשריפט.

הינטער דער וואַנט, אויף אַ שטח פון בערך 5 — 6 מעטער פון דער מיטלסטער גרענעץ־וואַנט, וועלן זיך געפינען די נעבן־געביידעס: די אַרכיוון, ביבליאָטעק און ביוראָס אויפן ערשטן עטאַזש און דער מוזיי אויפן צווייטן.

אין דעם דאָזיקן טייל בנין וועט מען קענען אַריינדרינגען נישט נאָר דורך דעם פאָדערשטן אַריינגאַנג אין דער וואַנט, נאָר אויך דורך צוויי באַזונדערע אַריינגענג אין די זייטיקע גאַסן.

אויף דער אינערלעכער זייט פון די קלענערע ווענט (לערך 4 מיט אַ האַלב מעטער די הויך), וועט איבערגעלאָזן ווערן אָרט פאַר געהעריקע אויפשריפטן וועגן די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אויף נעמען פון די חרובע שטעט און קהילות א. אַ. וו...

דער מאָנומענט וועט, פון פאָדערשטן פּלאַץ, זיין אַרומגעצוימט מיט אַן אייזערנעם גיטער; לינקס וועט זיך געפינען אַ סקווער.

דער ערשטער עטאַפּ פון דער קאָנסטרוקציע וועט קענען אַריינכעמען אייגנטלעך בלויז דעם קבר, ד. ה. די דריי ווענט, און אינעם אונטערשטן טייל — די קריפּטע צוזאַמען מיטן זאַל פאַרן הזכרה־ספר. דער צווייטער עטאַפּ וועט שוין אויך קענען אַריינגעמען די קאָנסטרוקציע פון אַלע נעבן־בנינים, הינטער דער וואַנט. דערביי וועט דער געבוי פון אייגעם פון די דערמאָנטע טיילן אַבסאָלוט נישט שטערן דער קאָנסטרוקציע פון דער צווייטער געביידע.

AMERICAN JEWISH ARCHIVES

# World Memorial of Jewish Martyr, Inc.

1834 BROADWAY NEW YORK 23, N. Y. CIrcle 6-0658 - 9



*American Sponsorship of:*

Dr. Isaac Alcalay
Jacob Blaustein
President, American Jewish Committee
David Dubinsky
President, I.L.G.W.U.
Professor Albert Einstein
Dr. Nahum Goldmann
President, World Jewish Congress; Chairman, American Section of the Jewish Agency
Dr. Israel Goldstein
President, American Jewish Congress
S. Ralph Lazrus
Rabbi Irving Miller
President, Zionist Organization of America
Hon. Herbert H. Lehman
Zalman Schneour
Louis Segal
Rabbi Abba Hillel Silver
Edward M. M. Warburg
General Chairman, United Jewish Appeal

*American Committee:*

Hon. Emanuel Celler
Marcel Franco
Maximilian Friede
Dr. Manfred George
Adolph Held
President, Jewish Labor Committee
Alexander Kahn
Isidor Lifschutz
Andre Meyer
Win Nathanson
Edward Norman
Boris Pregel
Harry Rogoff
Louis H. Sobel
Dr. I. S. Wechsler
Morris Weinberg

*Executive Committee:*

Solomon Dingol
Chairman
Nahum Chanin
Co-Chairman
Dr. Lazar Fogelman
Treasurer
Leon Crystal
General Secretary
Aron Alperin
Leon Chalette
Rabbi Judah G. Heller
Arnold K. Israeli
Jacob Pat
Vladimir Racine
Dr. Ignaz Schwarzbart
Dr. Joseph Tennenbaum
Dr. Leon Wulman

Herman Imber
Director

*Under World Sponsorship of:*

Vincent Auriol
President of the French Republic

Chaim Weizmann
President of Israel

H.M. Queen Elizabeth of Belgium
H.R.H. Princess Wilhelmina
of Holland
H.R.H. Prince Jean
Heir to the Grand Duchy of Luxembourg
Eleanor Roosevelt
David Ben-Gurion
Prime Minister of Israel
Winston Churchill
Prime Minister of Great Britain
Erik Eriksen
Prime Minister of Denmark

Tage Erlander
Prime Minister of Sweden
Jean Van Houtte
Prime Minister of Belgium
Rene Mayer
Former Prime Minister of the French Republic
Joseph Sprinzak
Chairman of the Israeli Knesset
Isaac Schneersohn
President of the Centre of Documentation for Contemporary Historical Records, Paris


December 4, 1953

Rabbi Herbert Friedman
3431 N. Lake Dr.
Milwaukee, Wis.

Dear Rabbi:

Right after we mailed you my letter of today's date, I received two cables:

1) "DS3/4 NQ15/4 PARIS 34/33 3
LT MR SCHNEERSOHN HOTEL BEACON NEW YORK CITY

RECEIVED FROM BRITISH EMBASSY ON BEHALF HER MAJESTYS GOVERNMENT GIFT 245000 FRANCS TOKEN OF THEIR RECOGNITION OF SYMBOLIC IMPORTANCE OF PROJECT"

It goes without saying, that this symbolic contribution of the British Government is of great historical meaning to us.

2) A cable from Mr. DINUR, Minister of Education in Israel, and President of "Yad Weshem":

"JERUSALEM 22 4 1110 ISRAEL GOVT
SCHNEERSOHN 1834 BROADWAY SUITE 268 NY

YADWESHEM EXECUTIVE INVITES YOU TO NEGOTIATIONS PREFERABLY BETWEEN FIFTEENTH AND TWENTIETH DECEMBER STOP WIRE REPLY DINUR".

In view of the above, I must now depart from the U.S.A. sooner than I anticipated, and, therefore, I must postpone my coming to Milwaukee until I will return to the United States.

With best regards,

שלום וברכה

Respectfully yours,

I. SCHNEERSOHN
Pres. World Committee

IS:ms


AMERICAN JEWISH ARCHIVES

## ISRAEL SEEKS TO SAVE ARCHIVES LISTING JEWS KILLED BY NAZIS

JERUSALEM, Dec.3. (JTA) -- The new directorate of the Yad Veshem, the institution which will erect a world memorial in Jerusalem to the memory of the 6,000,000 Jews martyred by the Nazis, has started negotiations to save the archives and files of the International Tracing Service at Arolson, Germany, it was announced here today by Minister of Education Ben Zion Dinur.

The ITS, currently operated by the Allies, is expected to be turned over to German administration after the Allies sign a peace treaty with Bonn. Concern has been expressed in Israel that if the Germans take over the ITS they will destroy evidence bearing on the Nazi crimes against the Jews.

The directorate of the Yad Veshem, set up by an act of the Israel Parliament, held its first meeting here yesterday. It elected an executive committee including S. Z. Shragai, Dr. Marc Dvorzetsky, Joseph Weitz and Moshe Kol. The executive was instructed to commence work on plans for the memorial, including its site. The directorate also adopted a provisional budget which will be supplied jointly by the Israel Government, Jewish Agency, Jewish National Fund and World Jewish Congress.